# אוצר השבת

ארויסגעגומען פון
ספר אוצר השבת
ע"י הרה"ג
ר' דוד דוב מייזליש שליט"א



## חג הסוכות

**עניני ד' מינים**

**פארוואס השי"ת האט געהייסן נעמען די פיר מינים.**

די פיר מינים ווייזן אויף די אלע איברים פון א מענטש אז מען דארף דינען השי"ת מיט אלע גלידער, אזוי ווי עס שטייט אין מדרש, רבי מני זאגט, אז דער פסוק אין תהלים [לה י'] כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ, אלע מיינע ביינער זאגן, השי"ת ווער איז אזוי ווי דו, איז מרמז אויף די פיר מינים, לולב, וויבאלד די שדרה פון דעם לולב איז ענליך צו די שדרה פון א מענטש, הדס איז ענליך צום אויג, ערבה איז ענליך צום מויל, אתרוג איז ענליך צום הארץ, האט דוד המלך געזאגט, עס איז נישט דא אין אלע מיינע גלידער וויכטיגער פון זיי וואס זיי זענען אנקעגען דעם גאנצען גוף, דאס מיינט כָּל עַצְמוֹתַי תֹּאמַרְנָה ה' מִי כָמוֹךָ. **מדרש רבה ויקרא, אמור ל'**

אידן ווען נעמען פאר השי"ת'ס נאמען די פיר מינים, וועלכע זענען באצירט און באקרוינט און אנגעגרייט, צו לויבן דערמיט השי"ת ביים זאגן הלל, אזוי ווי מיט דעם מוזיק אינסטרומענט 'עוגב' און אנדערע אינסטרומענטן, פון דעם שוינהייט פון דעם שיינעם אתרוג וועלכער ווער גערופן 'הדר', צו השי"ת וועלכער ווערט געלויבט מיט זיין שטארקייט און באשיינט, אים צו באשיינען און בארימען, ווען אידן פארזאמלען זיך אין בית המקדש, השי"ת האט באפוילן אז מען זאל אים לויבן מיט שטארקייט מיט דעם אתרוג וועלכער איז שיין ווי א גינגאלדענע כלי.

דער הדס וועלכער דארף זיין פארדעקט אינדרויסן מיט בלעטער, און אלע בלעטער זענען געווענדעט צום צווייגל אנצודייטן אז מען דארף ריכטן דאס הארץ אויסערליך און אינערליך נאר צו השי"ת, און דאן איז דער מענטש פאסיג אז מען זאל אים פארצייען אויף דאס גרויסהאלטעריי פון הארצן.

מען נעמט דעם לולב און די געוויינליכע ערבות פון טייך, צו זאגן דערמיט דאס געזאנג פון הלל, וועלכע איז געוואוויגן און ענליך צו דעם געזאנג פון די לוים אין בית המקדש אויף די מוזיקאלישע אינסטרומענטן.

מען כאפט אן די דריי הדסים און צוויי ערבות, מיט א געזאנג צו לויבן צו השי"ת וועלכער רוהט אין די הימלן וועלכע ווערן גערופן 'ערבות'.

**יוצר שחרית ליום ה' דסוכות, ד"ה אמנם מצוה**

די פיר מינים האבן נישט קיין שר אדער א מלאך וואס איז געשטעלט געווארן אכטונג צו געבן אויף זיי אז זיי זאלן וואקסן, נאר השי"ת אליינס גוט אכטונג אויף זיי אז זיי זאלן וואקסן, ווערן די פיר מינים אנגערופן השי"ת'ס שטעקן, די גמרא זאגט מען טאר זיך נישט באניצן מיט דעם שטעקן פונ'ם קעניג, און די פיר מינים וואס זענען די שרביטו של

מלך השי"ת'ס שטעקן, איז שווער ווי אזוי מעגן מיר זיך מיט זיי באנוצן, מוז מען זאגן אז וויבאלד מיר אידן זענען קינדער פון השי"ת און השי"ת גוט אכטונג אויף אונז אידן נישט דורך א שר אדער א מלאך, דעריבער מעגן מיר זיך באניצן מיט די פיר מינים, דערפאר נעמען מיר די פיר מינים ווייל דאס צייגט איבער אז מיר האבן נישט קיין שר אדער מלאך אין הימל וואס גוט אכטונג אויף אונז, נאר השי"ת אליין גוט אכטונג אויף אונז אידן.

**בני יששכר מאמר חודש תשרי מ"י אות כ"ו**

דער אתרוג איז גלייך צום האַרץ, קומט דאס צו פארצייען אויב מען האט געטראכט שלעכטע זאכן מיט'ן האַרץ, דער הדס, ווייל דאס איז גלייך צו די אויגן קומט דאס מכפר זיין אויף וואס מען האט געזונדיגט מיט די אויגן, דער ערבה, ווייל דאס איז גלייך צו די ליפן קומט דאס מכפר זיין אויב מען האט גערעדט שלעכטס מיט די ליפן, דער לולב, ווייל דער לולב האט נאר איין האַרץ, אזוי אויך די אידן האבן נאר איין האַרץ צו דינען השי"ת.

**טעמי ומנהגים, בשם ספר המנהיג**

דורך די פיר מינים זענען מיר ממשך אויף זיך א קדושה אויף אלע אברים, דערפאר מיטן לולב וואס איז גלייך צום שדרה פונם מענטש איז מען ממשיך אויף זיך א קדושה פון די העכערע הימל'ן וואס זענען מרמז אויף די שדרה אז ער זאל הייליגן זיין שדרה, און אויף דעם זעלבן אופן זאל מען מקדש זיין זיינע אויגן, ליפן, און האַרץ, וואס איז דער עיקר פון אלץ.

**זרע קודש סוכות דף ס"ב:**

פארוואס רופט מען דעם לולב מיטן נאמען לולב ווייל די טייטש פון לולב איז שמלבלב ומנענע בו אז מיט דעם שאקלן דעם לולב זאלן זיך שאקלן די בלעטער פונ'ם לולב.

**פרמ"ג א"א סי' תרמ"ה סק"ח**

## פארוואס נעמען מיר א אתרוג, א לולב, צוויי ערבות, דריי הדסים

די תורה זאגט וּלְקַחְתֶּם לָכֶם בַּיּוֹם הָרִאשׁוֹן פְּרִי עֵץ הָדָר מיט א לשון יחיד, וואס דאס מיינט מען דעם אתרו"ג, דערפאר נעמען מיר איין אתרוג. 'כַּפֹּת תְּמָרִים' וואס מיינט דעם לולב שטייט כפת אן א וא"ו, איז דאס א לשון יחיד, דערפאר נעמען מיר איין לולב. עֲנַף עֵץ עָבֹת וואס מיינט הדס, דארף מען נעמען דריי, ווייל עֲנַף מיינט איינס, עֵץ, מיינט איינס, עָבֹת מיינט איינס, וואס צוזאמען איז דאס דריי, דערפאר נעמען מיר דריי הדסים [דאס איז לויט שיטת רש"י], אדער ווייל עָבֹת איז טייטש געפלאכטן, און ווען מען פלעכט, פלעכט מען מיט דריי, [דאס איז לויט שיטת תוס']. און ערבות נעמען מיר צוויי, ווייל די תורה זאגט וְעַרְבֵי נָחַל און מיעוט רבים איז צוויי.

**סוכה לד:**

## שבת חול המועד

הרה"ק בעל חידושי הרי"ם זי"ע האט געזאגט אז דער שבת חול המועד איז זייער א גרויסע שבת, ווייל אלע שבתים פון א גאנץ יאר קומען פון וואכנדיגע טעג, אבער שבת חול המועד איז צווישן צוויי ימים טובים, דער ערשטע טעג סוכות און די אנדערע טעג שמיני עצרת שמחת תורה.

**שיח שרפי קודש**

## דער שבת איז דער עיקר פון א גאנץ יאר

שטייט אין תהלים [ע"ו ג'] וַיְהִי בְשָׁלֵם סוּכּוֹ - אין זיין געצעלט איז אין ירושלים. שטייט אין מדרש רבה אז איידער השי"ת האט באשאפן דער וועלט האט השי"ת געמאכט א סוכה פאר זיך אין ירושלים, און האט מתפלל געווען ווי ער האט געזאגט: יְהִי רָצוֹן שֶׁיִּכְבְּשׁוּ רַחֲמַי אֶת כַּעְסִי, וְאֶתְנַהֵג עִם בָּנַי בְּמִדַּת הָרַחֲמִים - עס זאל דער ווילן אז מיין רחמנות זאל איינהאלטן מיין צאָרן, און איך זאל זיך פירן מיט מיינע קינדער מיט די מדה פון רַחֲמִים.

קען זיין פשט אין מדרש אזוי, עס שטייט אין פסוק [ויקרא כ"ג מ"א] וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַה' שִׁבְעַת

יָמִים בַּשָּׁנָה, דאס ווארט בַּשָּׁנָה זעהט אויס אן איבריג ווארט.

נאר מען קען זאגן אז לויט ווי דעם פריער דערמאנטען מדרש, איז דאך דער רצון פון השי"ת צו באשאפן דער וועלט געווען אין א סוכה שבת נאכמיטאג בשלש סעודות בשעת מנחה, וואס דערפאר ווערט אנגערופן די צייט רַעֲוָא דְרַעֲוִין דער ווילן פון דעם ווילן, ווייל דעמאלט איז געווען די צייט דעם גוטן ווילן אויף צו באשאפן דער וועלט, וואס אויף מארגענס זונטאג איז געווען דער ערשטער טאג פון וועלט באשאף. דער גוטער ווילן איז געווען אין א סוכה, דערפאר אום שבת חול המועד סוכות ווערט דערוועקט דער גוטער ווילן פון דעם רַעֲוָא דְרַעֲוִין פון די וועלט באשאף.

דאס קען זיין א רמז אין פסוק [ויקרא כ"ג מ"ב] בַּסֻּכֹּת תֵּשְׁבוּ שִׁבְעַת יָמִים די ראשי תיבות איז שבת, דערפאר זאגט דער פסוק וְחַגֹּתֶם אֹתוֹ חַג לַה' שִׁבְעַת יָמִים בַּשָּׁנָה, אז די אלע זיבן טעג פון סוכות זענען משפיע דעם גוטן ווילן אויף א גאנץ יאר, ווייל זיי זענען דער עיקר פון דעם גאנצן יאר.

**תפארת שלמה לסוכות ד"ה ויהי**

## קֹהֶלֶת

דער דרכי משה [סי' ת"צ] ברענגט א טעם אז דערפאר זאגט מען שבת חול המועד סוכות קֹהֶלֶת, ווייל עס שטייט דארט דער פסוק [י"א ב'] תֶּן חֵלֶק לְשִׁבְעָה וְגַם לִשְׁמוֹנָה. שם

נאך א טעם, וויבאלד סוכות איז א צייט פון שמחה, און ספר קֹהֶלֶת לויבט און איז מזרז די מענטשן אז זיי זאלן שטענדיג זיין צופרידן מיט זייער חלק געלט וואס זיי פארמאגן, און נישט וועלן נאכיאגן כסדר צו פארמאגן וואס מער געלט, ווייל דאס צופרידענקייט פון דעם אייגענעם חלק איז א מתנה פון השי"ת. לבוש סי' תרס"ד ס"ג

נאך א טעם, שטייט אין מדרש [תנחומא, פ' אמור], אז די פיר מינים זענען צוגעגליכן צו די פיר מדריגות אידן, עס זענען פאראן אידן וואס זענען צוגעגליכן צו דעם אתרוג וואס האבן אין זיך א טעם און א גוטן גרוך, דאַן איז פאראן אידן מיט תורה אבער אן קיינע מעשים טובים, די זענען גלייך צום לולב, עס איז פאראן אידן וועלכע האבן נישט אין זיך קיין תורה, זיי טוען אבער שיינע מעשים טובים, די זענען גלייך צו הדס וועלכע האט א גוטן גרוך אבער האבן נישט קיין טעם. דערנאך זענען פאראן אידן וועלכע האבן נישט קיין תורה און האבן נישט קיין מעשים טובים, די זענען גלייך צו די ערבה, וועלעכע האט נישט קיין טעם און האט נישט קיין ריח, דעריבער האט השי"ת געהייסן מען זאל צוזאמען בינדן די פיר מינים אינאיינעם, אז די אלע פיר סארטן אידן זאלן זיך צוזאמען האלטן אינאיינעם באחדות, ווייל ביי השי"ת זענען אלע אידן חשוב.

שטייט אין ספר יפה תואר אז די כוונה איז בלויז אזעלכע פשוט'ה מענטשן וואס פארמאגן נישט קיין תורה, מיט זיי מעג מען זיך באהעפטן, אבער דער מדרש מיינט נישט חלילה אז מען זאל זיך באהעפטן צו רשעים וואס גלייבן נישט אין הקב"ה.

די מצוה פון סוכה וואס איז אלץ זכר צו די ענני הכבוד צייגט אז מען זאל זיך אפטיילן פון רשעים, ווי דער בני ישׂשכר ברענגט פון חיד"א אז די ענני הכבוד האבן אויסגעשפיגן דעם ערב רב, נאר די ערליכע אידן זענען געווען אין די ענני הכבוד, דערפאר נעמט מען די ד' מינים אין די סוכה אז מען זאל פונקטליך וויסן מיט וועם מעג מען זיך באהעפטן און מיט וועם מען טאר נישט האבן קיין שייכות.

דאס קען זיין אויך דער טעם אויף דעם נאמען 'קהלת' - צוזאמען נעמען אלעס אינאיינעם, און אויך פארוואס מען זאגט קהלת דוקא סוכות, ווייל ספר קהלת מוז מען לערנען די גאנצע פון אנהייב ביז צום סוף, ווייל אויב לערנט מען עטליכע פסוקים קען מען טועה זיין ווי דער מדרש זאגט [קהלת רבתי פ"א] אז די חכמים האבן געוואלט באהאלטן ספר קהלת, ווייל דאס איז זיך סותר מיט די ווערטער פון משה רבינו ע"ה, שלמה המלך זאגט [קהלת י"א ט'], שְׂמַח בָּחוּר בְּיַלְדוּתֶיךָ וִיטִיבְךָ לִבְּךָ בִּימֵי בְחוּרוֹ בְּחוּרוֹתֶךָ, און משה רבינו זאגט [במדבר ט"ו ל"ט], וְלֹא תָתוּרוּ אַחֲרֵי לְבַבְכֶם וְאַחֲרֵי עֵינֵיכֶם, אבער ווען מען ענדיגט דעם גאנצן פסוק זעהט מען די חכמה פון שלמה המלך ע"ה ווי ער זאגט וְדָע כִּי עַל כָּל אֵלֶּה יְבִיאֲךָ הָאֱלֹקִים בַּמִּשְׁפָּט, האבן די חכמים געזאגט אז שלמה המלך זאגט זייער גוט.

לויט דעם קומט אויס אז דער רמז וואס מיר מאכן סוכות, מיר נעמען די ד' מינים אין די סוכה איז דער זעלבער ענין ווי דער ספר קהלת,ביידע רמזים דארפן גיין צוזאמען, מען דארף ביי יעדע זאך וויסן פונטליך ווען יא און ווען נישט באהעפטן צו אנדערע מענטשן. דברי יואל, סוכות

**פארוואס האבן די פיר מינים אנדערע נעמען ווי עס שטייט אין פסוק**

די גמרא זאגט אז 'בני' 'חיי' [לעבן פון א מענטש] 'ומזוני' [און פרנסה] איז מען נישט זוכה דורך זכותים נאר דורך מזל, אבער אויב מען לערנט תורה קען מען דורך די תורה דערהויבן ווערן צו א העכערן מזל און געהאלפן ווערן מיט די דריי זאכן, כאטש מען האט נישט קיין מזל דערצו.

די ספרים הקדושים זאגן אז די פיר מינים זענען נישט אינטערן מזל, און אזוי ווי אתרו"ג צוזאמען מיט דעם כולל, איז בגמטריא זעקס הונדערט עלעף, דאס זעלבע ווי תורה, וואס איז אויך בגמטריא זעקס הונדערט עלעף, קומט דאס מרמז צו זיין אז דורך די תורה וואס מען לערענט קען מען זוכה זיין צו די דריי זאכן וואס די אנדערע דריי מינים זענען מרמז אויף זיי, לולב, איז בגמטריא חיים, ערבה, איז בגמטריא זרע וואס מיינט אז מען זוכה זיין צו האבן קינדער, הדס, איז מרמז אויף מזונות, ווייל הדס איז א שמעקעדיגע זאך און די נשמה האט דערפון הנאה און ווערט געשפייזט. **מטעמים, בשם עטרת זקנים, בראשית**

**פארוואס טאר נישט זיין דער לולב צוטיילט**

עס איז באקאנט אז די תורה איז צוטיילט אויף צוויי טיילן, תורה שבכתב, [ד.מ. חמשה חומשי תורה] און תורה שבעל פה, [ד.מ. גמרא שולחן ערוך א.ד.ג.]. אויך איז באקאנט אז השי"ת האט איבערגעגעבן די תורה פאר די חכמים אז זיי זאלן לערנען פשט אין די תורה און זאגן די טעמים פון די תורה לויט זייער פארשטאנד ווי מיר זעהן אז די חז"ל [ברכות ד:] זאגן כל העובר על דברי חכמים חייב מיתה.

קומט אויס אויב איינער זאגט אז ער האלט נישט פון תורה שבעל פה האלט ער אויך נישט פון תורה שבכתב, ווייל תורה שבעל פה איז די מפרש די פשטים אין די טעמים פון תורה שבכתב, אויף דעם קומט די לולב וואס איז מרמז אויף דעם תלמיד חכם צו צייגן אזוי ווי די שדרה וואס איז פון צוויי בלעטער טאר נישט זיין צוטיילט אזוי אויך די תורה וואס באשטייט פון צוויי חלקים טאר נישט זיין צוטיילט, ווייל איינס אן די צווייטע האט נישט קיין קיום. **כתר תורה**

**פארוואס בינד מען דעם לולב מיט דריי רינגלך**

דאס איז א רמז אויף די דריי מדריגות וואס עס איז דא ביי די אידן, צדיקים, בינונים, רשעים, און אלע דארפן זיין צוזאמען געבינדן איינער מיטן אנדערן. **המטעמים**

**פארוואס פירן מיר זיך צו מאכן קיישעלעך**

דער טו"ז [סי' תרנ"א סקי"ד] ברענגט פון ספר הרקאנטי [פ' אמור] אז דער סוד איז איהם אנפלעקט געווארן אין חלום די ערשטע נאכט פון סוכות האב איך געזעהן אין חלום דעם שם הוי"ה און די לעצטע ה' איז ווייט אוועק געררוקט פון די ערשטע דריי אותיות, האב איך איהם געפרעגט וואס דאס איז, האט ער מיר ג'ענפערט אז ביי איהם פירט מען זיך אזוי צו שרייבן דעם לעצטן ה' אפגערוקט פון די ערשטע דריי אותיות, און איך האב אין חלום מוחה געווען דערויף, און איך האב געשריבן אלע פיר אותיות אינאיינעם.

דעם אנדערן טאג יו"ט האב איך געזעהן אז מען שאקלט נישט דעם לולב מיטן אתרוג אינאיינעם, נאר מען האלט דעם אתרוג אפגערוקט ווייט פונ'ם לולב, האב איך דעמאלט פארשטאנען דעם פתרון פונם חלום, ווייל די פיר מינים ווייזן דאך אויף די אותיות פון דעם שם הוי"ה, און אזוי ווי מען שאקלט נישט דעם אתרוג מיט די אנדערע דריי מינים צוזאמען, האט מען דערמיט דערווייטערט איין אות פון השי"ת'ס נאמען.

קען זיין אז דערפאר מאכט מען קיישלעך, ווייל פונקט ווי עס טאר נישט זיין השי"ת נאמען ווייט איין אות פונם צווייטן אות, אזוי אויך טאר נישט זיין השי"ת נאמען באהאפטן איין אות צום צווייטן אות, דערפאר מאכט מען קיישעלעך כדי עס זאל זיין עפעס לופט צווישן די מינים, וויבאלד די פיר מינים ווייזן אויף השי"ת נאמען.

**מדבר קדש, בשם הגה"ק מהר"ש מבעלז זי"ע**